# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**ויק"פ - החודש**

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:


אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285


**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**


©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת ויקהל - פקודי

ויקהל - די גרויסקייט פון תפילה בציבור ........................................................ א

לחשוב מחשבות בזהב ובכסף - אויך ביים אַרבייטן דאַרף מען טראַכטן פונעם אויבערשטן .............ד

מאת אדנים - די וויכטיגקייט פון "מאה ברכות" ........................................................ ח

שבת החודש - חודש ניסן איז די שטאַרקסטע צייט זיך צו באַנייען ...........................................יב

# ויקהל-פקודי - פרשת החודש

## ויקהל - די גרויסקייט פון תפלה בציבור

**ויקהל** משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם, אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם וגו' (לה, א). זאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (ספר "ליקוטי הרי"מ"), אַז משה רבינו ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן צו די אידן: "ויקהל" - דאָס צוזאַמענעמען און זיצן צוזאַמען מיט אַנדערע אידן, דאָס אַליין איז פון די "הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם". דער אויבערשטער האָט באַפוילן זיך צו פאַרזאַמלען און זיצן צוזאַמען מיט אַנדערע אידן.

**דער** "חידושי הרי"ם" פירט אויס (און ענליך איז אין "אור החיים" הקדוש): "הכנסיה וההתחברות מישראל, מסיר החומריות והגשמיות מבני ישראל". דאָס זיך פאַרזאַמלען און די באַהעפטונג מיט אַנדערע אידן, נעמט אַוועק דאָס "חומריות", און גשמיות פון אידישע קינדער (זיי זאָלן נישט זיין 'פאַרגרעבט').

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט הרה"ק בעל התניא זי"ע ("אגרות קודש", כג) "שמעתי מרבותי" - איך האָב געהערט פון מיינע רבי'ס, "כי אילו נמצא מלאך אחד עומד במעמד עשרה מישראל ביחד" - אויב אַ מלאך זאָל זיך געפונען דאָרט וואו עס שטייען צען אידן צוזאַמען. "אף שאינם מדברים בדברי תורה" - כאָטש אַפילו זיי רעדן נישט דברי תורה. "תפול עליו אימתה ופחד בלי גבול ותכלית משכינתא דשרוי עלייהו", וועט אויף איהם (אויף דעם מלאך) אַרויפפאַלן אַ פחד אָן אַ גרעניץ און אָן אַ תכלית, פון די שכינה וואָס רוהט צווישן די אידן. "עד שהיה מתבטל ממציאותו לגמרי" - ביז ער וואָלט אינגאַנצן בטל געוואָרן פון זיין מציאות, עכ"ל.

**הרה"ק** בעל "שם משמואל" זי"ע ברענגט (פ' תולדות תרע"ז, ובמאמרים לשבועות) אין נאָמען פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע, אַז איבעראַל וואו עס זענען דאָ צען אידן, איז אַפילו אַ מלאך וואָס קומט אַהין, ווערט צעגאַנגען פון פחד, ווייל "כל בי עשרה שכינתא שריא", איבעראַל וואו עס זענען דאָ צען אידן, רוהט די הייליגע שכינה[א].

**אויב** דאָס איז געזאָגט געוואָרן ביי יעדע איינזאַמלונג פון צען מענטשן, איז דאָך אַוודאי געוויס וואָס פאַראַ גרויסע חשיבות עס האָט תפלה בציבור, ווען צען מענטשן פאַרזאַמלען זיך צו דאַווענען מיט מנין[ב].

---

**א.** דאָס פאַרזאַמלינג פון אַן עדה אידן, איז אויך מעורר רחמים אין הימל, ווי עס שטייט אין ספה"ק "מגלה עמוקות" (פ' ויצא) "צבור" באַטרעפט די צאָל 298, אַזוי ווי דאָס וואָרט "רחמים".

הרה"ק רבי אייזיקל קאַלוב'ער זי"ע האָט געזאָגט, אויף די ווערטער פון די חז"ל (סנהדרין לט.) "כל בי עשרה שכינתא שריא", דאָס וואָרט "שריא" קען אויך געטייטשט ווערן פון לשון אויפבינדן [ווי די גמרא זאָגט (ב"מ פו:) "כיון דחזי דקא אתי ושרי"]. ווען אידן זענען באַחדות און האַלטן זיך צוזאַמען, טוהען זיי צואיילן די ישועה, אַז די שכינה כביכול זאָל זיך קענען "אויפבינדן" פון אירע קייטן אין וועלכע זי געפינט זיך אין צייט פון ביטערן גלות.

די ספרים זאָגן אַ רמז אויף דעם פסוק (אסתר ח, יא) "להקהל ולעמוד על נפשם", דאָס זיך איינזאַמלען מיט אַנדערע אידן, איז אַ סגולה גערעטעוועט צו ווערן פון אַלעם בייזן, ברוחניות ובגשמיות.

**ב.** הרה"ק בעל "בית אהרן" זי"ע, האָט אַמאָל געדאַרפט אַדורכגיין אַן אָפּעראַציע. מ'האָט באַשטעלט די צייט פון דער אָפּעראַציע אויף די נאָכמיטאָג-שטונדן, כדי דער "בית אהרן" זאָל קענען דאַווענען מנחה פאַר די אָפּעראַציע, און ווען ער וועט זיך אויפוועקן פון די אָפּעראַציע ,זאָל ער קענען דאַווענען מעריב בציבור. זיינע מקורבים האָבן אַפילו צוגעגרייט אַ מנין אידן צו וואַרטן מיט'ן דאַווענען מעריב, ביז דער רבי וועט אַרויסקומען פון אָפּעראַציע צימער.

למעשה, האָט די אָפּעראַציע זיך פאַרצויגן, און דער "בית אהרן" האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די איינשלעפונג גאָר שפעט, אַזוי איז דער מנין אידן האָבן געדאַוונט מעריב אָן דעם "בית אהרן". ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געפרעגט זיין משמש, וואָס הערט זיך מיט'ן דאַווענען מעריב? האָט דער משמש, וועלכער האָט נישט געוואָלט מצער זיין דעם רבי'ן דורך איהם דערציילן אַז דער מנין האָט שוין געדאַוונט, האט ער געענטפערט פאַר דעם

אַזוי זאָגן די חז"ל (ברכות ח.) אַז דער אויבערשטער פאַר'מיאוס'ט נישט ח"ו די תפילה פון אַ רבים, ווי דער פסוק זאָגט (איוב לו, ה) "הן א-ל כביר לא ימאס"[ג]. אַזוי שטייט בפירוש אין זוהר הקדוש (ח"ב רמה:) אַז אויב אַ מענטש דאַווענט ביחידות, קוקט מען נאָך איהם און זיין תפילה, צו זעהן אויב עס איז ווערד צו

---

"בית אהרן", "יאָ, דער עולם וואַרט אינדרויסן צו דאַווענען מיט'ן רבי'ן... און דער רבי זאָל דאַווענען אינווייניג אין צימער". דערנאָך איז דער גבאי אַרויס פון צימער, און אָנגעהויבן דאַווענען (אָן מנין) גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ מנין... ער האָט געזאָגט קדיש און "ברכו" הויך אויפ'ן קול, גלייך ווי עס וואָלט געווען דאָרט אַ מנין אידן.

שפּעטער, האָט דער משמש געזאָגט צום "בית אהרן", אַז עס "ריפּעט איהם"... דאָס הייסט, עס טוט איהם ווי אַז ער האָט אָפּגענאַרט דעם רבי'ן, און ער האָט איהם דערציילט אַז למעשה, איז נאָך די אָפּעראַציע נישט געווען אַ מנין, נישט אַ האַלבער מנין, און אַפילו נישט "מזומן"... נאָר ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ס'וואָלט געווען אַנוועזנד אַ מנין. האָט דער "בית אהרן" זיך אָנגערופן צום משמש:

- אין דעם זכות, וועסטו זוכה זיין צו לאַנגע געבענטשטע, געזונטע יאָרן, ווייל 'פּיקוח נפש' איז דוחה אַלעס. אויב איך וואָלט דעמאָלס געוואוסט אַז עס איז נישט דאָ אַ מנין, וואָלט עס מיר זייער ווי געטוהן אַז איך האָב געדאַרפט דאַווענען מעריב אָן מנין. איך וואָלט עס פּשוט נישט אויסגעהאַלטן...

מ'קען זאָגן, אַז דער "בית אהרן" האָט גערעדט "לשיטתו" - לויט זיין שיטה ווייל ער שרייבט אין ספה"ק "בית אהרן" (ה:) אַז ביי איהם איז קלאָר אַז תפילה בציבור פועל'ט אַזוי ווי די תפילה פונעם צדיק הדור.

אויף אַן אַנדער אָרט (ג:) שרייבט דער "בית אהרן", אַז ער האָט אַ כלל, אַלע תפילות וואָס ווערן געזאָגט מיט מנין, איז דאָ דערביי השראת השכינה, "ובעזרת השם יתברך מתקנים כל התיקונים, כמו תפילת צדיקי יסודי עולם". מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, איז מען מתקן אַלע תיקונים, אַזוי ווי די תפילה פון די גרעסטע צדיקים וואָס האַלטן אונטער די יסודות פון דער וועלט.

נאָך מער פון דעם, זאָגט דער "יערות דבש" (ח"ב דרוש ט') אַז תפילה בציבור איז אַפילו גרעסער ווי די תפלה פון צדיק הדור. ער טייטשט די ווערטער וואָס אסתר האָט געשיקט זאָגן פאַר מרדכי (אסתר ד, טז) "לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן". עס זענען געווען צוויי שטעט מיט'ן נאָמען "שושן". די שטאָט וואו מרדכי הצדיק האָט געוואוינט, איז געווען שושן הבירה, די הויפּטשטאָט וואו עס האָט זיך געפונען דער קעניגליכער פּאַלאַץ. אָבער שושן איז געווען אַן אַנדערע שטאָט, וואָס דאָרט האָט געוואוינט דער המון עם. אויף דעם האָט אסתר געזאָגט מרדכי זאָל איינזאַמלען די אידן "וואָס וואוינען אין שושן", ווייל ווען עס איז דאָ אַ חרון אף רח"ל אויף דער וועלט, איז נישט גענוג די תפילה פונעם צדיק (מרדכי), נאָר מ'דאַרף דעמאָלטס איינזאַמלען אויך די פּשוט'ע אידן, ווייל כדי צו צערייסן דעם גזר דין, דאַרף מען האָבן תפילה בציבור, ע"כ.

זעהט מען קלאָר פון די ווערטער פונעם "יערות דבש", אַז תפילה בציבור איז מסוגל בטל צו מאַכן דעם גזר דין, מער ווי די תפילה פונעם צדיק הדור.

ווען מ'איז זיך מתבונן, זעהט מען אַז אַפילו אויב עס זאָל אויפשטיין אַ צדיק הדור, וואָס דערגרייכט ביז'ן הימל מיט זיין כח התפלה, און אַפילו אויב ער זאָל האָבן מיט זיך נאָך 8 הייליגע צדיקים, קומען זיי נישט צו, צו די מדריגה פון צען פּשוט'ע אידן וואָס קומען דאַווענען בציבור, ווייל די צען אידן קענען זאָגן קדיש, קדושה און "ברכו", אָבער די 9 צדיקים זענען נישט אימשטאַנד צו זאָגן די דערמאַנטע ווערטער. זעהט מען ווי חשוב עס איז ביי דעם אויבערשטען דער צירוף פון אַ מנין פון צען אידן.

**ג.** דער "חפץ חיים" זי"ע שרייבט ("נדחי ישראל", פ"ה): אין די היינטיגע צייטן, נויטיגט זיך יעדער איינער אין רחמים פון הימל. יעדער איינער מיט זיינע פּראָבלעמען. איינער דאַרף קינדער, איינער דאַרף אַ רפואה, אַ דריטער דאַרף האָבן פּרנסה, און אַוודאי ווילן יעדער איינער אַז זיין תפילה זאָל אָנגענומען ווערן ווען עס איז אַן "עת רצון". אַ פאַרשטאַנדיגער מענטש, האַלט זיך אָן אין די ווערטער פון די חז"ל (ברכות ח.) "אימתי עת רצון, בשעה שהציבור מתפללים". ער זאָל מתפלל זיין בציבור, ווייל דעמאָלטס האָט ער אַ גרויסן כח צו פּועל'ן רפואות און ישועות און אַלעס גוטס. ווען דער מענטש דאַווענט ביחידות, ווייסט ער נישט אויב זיין תפילה קומט אָן אויבן אויפ'ן ריכטיגן אָרט, אָבער ווען ער דאַווענט בציבור, זאָגן דאָך חז"ל קלאָר (ברכות ח.) אַז דער אויבערשטער פאַר'מיאוס'ט נישט די תפילה פון אַ רבים.

אָנגענומען ווערן אין הימל, אָבער ווען ער דאַווענט מיט'ן ציבור, קוקט מען איהם בכלל נישט נאָך (זעה אויך זוה"ק ח"א רלד). זיין תפילה גייט אַרויף צוזאַמען מיט די תפילה פונעם ציבור, ביז'ן כסא הכבוד, און עס ווערט געהערט און געענטפערט פונעם באַשעפער.

**עס** שטייט אין ספה"ק "דברי ישראל" (פ' מקץ, ד"ה "וירדו") אויפ'ן פסוק (בראשית מב, ג) "וירדו אחי יוסף עשרה לשבור בר" וגו'. די צען ברידער פון יוסף זענען אַראָפּ געגאַנגען קיין מצרים כדי צו קויפן דאָרט תבואה. פרעגט רש"י: פאַרוואָס דאַרף דער פסוק דערציילן אַז זיי זענען געווען צען ברידער (זעה רש"י דאָרט).

**ענטפערט** דער "דברי ישראל", דער עיקר מקור פון פרנסה איז תפילה, מ'זאָל מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען ער זאָל געבן פרנסה, ווי די גמרא זאָגט (קידושין פב.) "יבקש רחמים למי שהעושר והנכסים שלו", מ'זאָל בעטן רחמים ביי דעם באַשעפער, וואָס דאָס גאַנצע רייכטום איז פון איהם.

**דער** מענטש וואָס האָט שכל, ווייסט אַז מ'דאַרף מתפלל זיין ווען עס איז אַן "עת רצון" אין הימל, און די גמרא זאָגט (ברכות ח.) "אימתי עת רצון, בשעה שהציבור מתפללים". ווען דער ציבור דאַווענט, דאַן איז אַן עת רצון אין הימל.

**זאָגט** דער "דברי ישראל", אַז צוליב דעם טעם, ווען די הייליגע שבטים זענען געגאַנגען קיין מצרים זוכן פרנסה - "לשבור בר" - זענען זיי געגאַנגען צען מענטשן צוזאַמען, כדי זיי זאָלן קענען מתפלל זיין בציבור. ער פירט אויס, אַז לויט דעם איז מדויק דאָס וואָרט "וירדו", און זיי האָבן אַראָפּ גענידערט. עס איז פון לשון "שליח ציבור היורד לפני התיבה", אַ שליח ציבור וואָס דאַווענט פאַר'ן עמוד. דאָס הייסט, ווען אידן דאַווענען בציבור.

**עס** שטייט אין ספה"ק "מאור ושמש" (פ' משפטים) אויפ'ן פסוק (שמות כג, כה) "ועבדתך את ה' אלקיכם, וברך את לחמך ואת מימיך, והסירותי מחלה מקרבך". דער פסוק איז מרמז אַז תפילה בציבור איז מסוגל פאַר פרנסה בהרחבה.

**זאָגט** דער "מאור ושמש", אַז ווען דעם הייבט אָן דער פסוק מיט אַ לשון רבים, "ועבדתם", און ער פירט-אויס מיט אַ לשון יחיד: "וברך את לחמך ואת מימיך", ווייל דער עיקר פון עבודת ה' איז מ'זאָל זיך משתתף זיין מיט'ן ציבור, ביי אַלע ענינים פון עבודה ("ועבדתם"), סיי אין תורה, סיי אין תפלה. ווען דער מענטש איז מתפלל בציבור, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט האָבן פרנסה בהרחבה, ווייל דורך דעם וואָס ער דאַווענט מיט מנין, איז ער ממשיך אַלע סאָרטן השפעות טובות אויף זיך און אויף כנסת ישראל בגשמיות, ווייל תפילה בציבור ברענגט אַלע גוטע השפעות אויף אידישע קינדער, און עס ווערן בטל אַלע שלעכטע גזירות. מ'וועט נאָר דאַרפן בעטן אויף די גאולה שלימה, במהרה בימינו, אמן[ד].

**דורך** אחדות מיט אַנדערע אידן, ווערט יעדער איד דערהויבן פיל פיל מער, ווי דער גאון בעל "אור שמח" זצ"ל האָט געזאָגט, די קדושה פון אַ קרבן שלמים

---

מיר דאַרפן געדענקען, אַז אויך דער יצר הרע ווייסט גוט וועגן דעם גרויסן כח פון תפילה בציבור, און דעריבער איז ער גרייט אַריינצולייגן גרויסע כוחות צו שטערן דעם מענטש ער זאָל נישט דאַווענען בציבור, סיי דורך דעם וואָס ער רוקט איהם אונטער אַ סאַך "געשעפטן", אַז עס זאָל זיך איהם דאַכטן אַז ער וועט פאַרלירן געלט דורך דעם וואָס ער וועט דאַווענען מיט אַ מנין, אָדער אַנדערע איינרעדענישן, אַז ווען ער דאַווענט ביחידות, קען מען בעסער מכוין זיין די ווערטער וואָס מ'זאָגט אַרויס מיט'ן מויל. מ'טאָר זיך נישט לאָזן איבעררעדן פון די ליגנס פונעם יצר הרע, ווייל אדרבה, דאָס בעסטע "געשעפט" איז צו דאַווענען בציבור.

**ד.** עס ווערט דערציילט ("נפלאות הסבא קדישא", פיעטריקוב תרפ"ט, ח"א, י.) אַ חסיד האָט אַמאָל געבעטן דעם הייליגן ראַדאָשיצער זי"ע, אַ סגולה פאַר פרנסה. האָט דער ראַדאָשיצער איהם געזאָגט, די סגולה פאַר פרנסה איז מרומז אין דער תורה, אין פסוק (שמות כג, כה) "ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך, והסירותי מחלה מקרבך" וגו'. דער פסוק זאָגט "ועבדתם", לשון רבים. "עבודה" איז תפילה (תענית ב., "איזהו עבודה שבלב, הוי אומר זו תפילה"). ווען מ'דאַווענט בציבור, גיט דער אויבערשטער פרנסה - "וברך את לחמך ואת מימיך", און עס איז אויך מסוגל צו רפואה: "והסירותי מחלה מקרבך".

איז "קדשים קלים", אָבער די "זבחי שלמי ציבור" זענען "קדשי קדשים", כאָטש ביידע זענען קרבנות שלמים, ווייל אַ קרבן וואָס ווערט געברענגט מיט'ן כח פון ציבור, ווערט הייליג צו זיין "קדשי קדשים"[ה].

**עם** שטייט אין ספה"ק "שם משמואל" (חנוכה תרע"ד, ליל ב') אויף די ווערטער פון די חז"ל (פסחים עז.) טומאה 'דחויה' בציבור. ווען אידן זיצן צוזאַמען בציבור, ווערט די טומאה אַוועקגעשטופט און אָפּגעטוהן פון זיי.

**אַזוי** זאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע ("שיר שרפי קודש", ח"א, תיד), אויף די ווערטער פון דער גמרא (מגילה ב.) "מגילה זמן קהילה לכל היא, ולא צריך לרבויי". מ'דאַרף נישט האָבן אַ ספּעציעלן פסוק כדי מרבה צו זיין אַז דער דרייצענטער טאָג פון חודש אדר איז אַ זמן ווען מ'קען לייענען די מגילה, ווייל דער עיקר פונעם נס איז דאָך געשעהן יענעם טאָג.

**זאָגט** דער "חידושי הרי"ם", "זמן קהילה" - ווען אידן קומען זיך צוזאַמען, דאָס אַליין איז תורה, און ממילא, דאַרף מען נישט אַ ריבוי פונעם פסוק[ו].

### לחשוב מחשבות בזהב ובכסף - אויך ביים אַרבייטן דאַרף מען טראַכטן פונעם אויבערשטן

**"לחשוב** מחשבות לעשות בזהב ובכסף ובנחושת" (ויקהל לה, לב). **זאָגט** דער "דברי שמואל" (ויקהל, ד"ה "ולחשוב"), דער עיקר עבודה פון אַ איד איז, ווען ער

---

**ה.** פונדעסטוועגן, דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבן זיך צו חבר'ן נאָר מיט גוטע חברים, ווייל אַ שלעכטער חבר קען חלילה אַראָפּשלעפּן דעם מענטש אין שאול תחתיות רח"ל, און די משנה זאָגט (אבות פ"א, מ"ז) "הרחק משכן רע, ואל תתחבר לרשע". דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן, און באַהעפט זיך נישט מיט אַ רשע.

דער סטייפּעלער גאון זצ"ל האָט געברענגט אַ ראיה אַז יעדער - אויך אַ "פחות שבפחותים" - ווערט נשפע צום גוטן ווען ער דרייט זיך אין אַ סביבה פון ערליכע אידן, תלמידי חכמים, ווייל רש"י זאָגט (בראשית כט, יא) אין נאָמען פון חז"ל, אַז עשו האָט געשיקט זיין זון, אליפז, נאָכצויאָגן יעקב אבינו ע"ה און איהם הרג'ענען. ווען ער האָט איהם דערגרייכט, האָט יעקב זיך געבעטן ביי איהם אַז ער זאָל נישט פאַרגיסן זיין בלוט, און כדי ער זאָל נישט עובר זיין אויף זיין פאָטער'ס (עשו'ס) באַפעל, האָט יעקב איהם אָנגעבאָטן ער זאָל צונעמען זיין געלט, וואָס דאַן ווערט ער גערעכנט ווי טויט ח"ו, ווי די גמרא זאָגט (נדרים סד:) "עני חשוב כמת". אַן אָרימאַן איז אַזוי ווי טויט ח"ו, און אַזוי האָט אליפז געטוהן.

זאָגט דער סטייפּעלער, לויט'ן נאָרמאַלן פאַרשטאַנד, איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אליפז האָט איינגעשטימט דערצו, נאָך אלעם, אַ מענטש וואָס לעבט און אָטעמט, איז דאָך נישט טויט אויך אויב ער איז אַן אָרימאַן. מוז מען על כרחך זאָגן, אַז אליפז האָט געלערנט די דאָזיגע סברא אין הויז פון יצחק אבינו ע"ה. זעהט מען פון דעם, אַז אויך אַ מערדער ווי אליפז, ווערט אַביסל דערהויבן, ווען ער דרייט זיך צווישן צדיקים, און דאָס האָט איהם גורם געווען ער זאָל אָננעמען די ווערטער פון יעקב אבינו ע"ה.

**ו.** דער שינאָווער רב זי"ע, האָט אַמאָל באַזוכט אין בעלזא, ביי זיין מחותן, דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק מהר"י זי"ע (דער ציעשנוב'ער רב, הרה"ק בעל "דברי שמחה" זי"ע, אַ זון פון שינאָווער רב, איז געווען אַן איידים ביים בעלזער רב). ווען דער שינאָווער רב האָט זיך געגרייט צוריקצופאָרן אַהיים קיין שינאָווע, האָט דער בעלזער רב געזאָגט צו זיינע מקורבים:

- איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס דער מחותן גרייט זיך צו פאָרן... ער וועט דאָך דאָ בלייבן ביז נאָך דעם קומענדיגן שבת...

למעשה, האָט דער שינאָווער רב טאַקע באַשלאָסן צו בלייבן אין בעלזא, נאָך אַ שבת. האָט איינער פון זיינע נאָנטע געזאָגט צום שינאָווער רב, אַז דער מחותן, דער בעלזער רב, האָט שוין געזאָגט אינמיטן דער וואָך, אַז אַזוי וועט זיין. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט, "דער מחותן איז אַ בעל רוח הקודש". דאַן האָט ער גענומען דעם פעלץ, און איז געגאַנגען באַזוכן דעם בעלזער רב.

אויפ'ן וועג, האָט דער שינאָווער רב געזאָגט צו זיינע מענטשן, אַז באמת איז נישט מוכרח דערפון אַז דער מחותן איז אַ בעל רוח הקודש, נאָר אַזוי איז די טבע פון די בריאה, אַז צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך ליב, קענען יעדער איינער פון זיי שפּירן די געדאַנקען פונעם צווייטן, ממש ווי אַ נביא...

איז באַשעפטיגט מיט ענינים פון עולם הזה און פרנסה. און נישט נאָר צו זיין געהיטן פון זאַכן וואָס מ'טאָר נישט טוהן, ווי גזילה, אונאה, א.א.וו., נאָר אויך דאַרף מען היטן די געדאַנקען, צו געדענקען שטענדיג אַז דער אויבערשטער איז דער באַשעפער וואָס שפּייזט אַלע באַשעפענישן', ווי צדיקים האָבן געטייטשט דעם פּסוק (תהלים קכח, ב) "יגיע כפיך כי תאכל". דער פּסוק זאָגט "יגיע כפיך", און נישט "יגיע ראשך", ווייל דער קאָפּ דאַרף בלייבן משועבד צום אויבערשטען, ער זאָל נישט זיין פאַרזינקען אין דער אַרבעט.

**נאָך** שרייבט דער "דברי שמואל", "ולחשוב" - ביים אויבערשטען איז חשוב, "מחשבות" - ווען די געדאַנקען פונעם מענטש זענען ריין, ער טראַכט נישט

---

ווען דער שינאַווער רב האָט זיך באַגעגנט מיט'ן בעלזער רב, האָט ער גזאָגט:

- איך האָב געהערט אַז דער מחותן איז געוואָרן אַ בעל רוח הקודש... ער זעהט עתידות.

האָט דער בעלזער רב געזאָגט:

- ס'איז נישט קיין ראיה אַז מיר האָבן רוח הקודש, ווייל ווען איינער איז צוגעבונדן צום צווייטן, קען ער שפּירן זיינע געדאַנקען...

ווילן מיר צולייגן, אַז כאָטש מיר זענען זייער ווייט פון אַזעלכע מדריגות, קען מען אָבער זעהן פון דעם ווי גרויס עס איז דער כח פון אחדות און אהבת ריעים, ווען מ'האָט ליב איינער דעם צווייטן.

**ז.** אַ רייכער גאַליציאַנער איד האָט אַמאָל געבאָרגט אַ גרויסן סכום פאַר אַן אָרימאַן. ווען עס איז געקומען די צייט צו צאָלן דעם חוב און דער לוה האָט נישט געהאַט געלט צו באַצאָלן, האָט דער מלוה געדרוקט אויף איהם, ביז דער לוה איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן אין אַן אַנדערע שטאָט. דער מלוה איז איהם אָבער נאָכגעלאָפן אויך אַהין. אַזוי אין אַ דריטע שטאָט, אין אַ פערטע שטאָט - איבעראַל האָט דער מלוה איהם דעריאָגט.

אַזוי זענען זיי אָנגעקומען אין דער שטאָט בעלזא, וואו דער לוה האָט געהאָפט צו געפינען מנוחה, אָבער אויך דאָרט האָט ער פּלוצלינג דערזעהן דעם מלוה. האָט דער לוה, וועלכער איז געווען אַ בעלזער חסיד, אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר'ן בעלזער רב, הרה"ק מהר"א זי"ע, אַז דער מלוה רודפ'ט איהם "עד חרמה"... האָט דער בעלזער רב געשיקט רופן דעם מלוה, און איהם געפרעגט פאַרוואָס ער לויפט איהם נאָך. האָט דער מלוה געענטפערט, "ער איז דאָך אַ 'לוה רשע ולא ישלם'...". האָט דער בעלזער רב איהם געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז געלט וואָס איז צוגעגרייט פאַר אַ מענטש פון הימל, וועט אייביג בלייבן ביי איהם. אויב ער האָט שאָדן דאָס געלט דאָ, וועט ער עס פאַרדינען ערגעץ אַנדערש...

האָט דער מלוה געפרעגט דעם בעלזער רב, צו דער רבי פאַרזיכערט איהם אַז אַזוי וועט זיין. האָט דער בעלזער רב נאָך אַמאָל איבערגעזאָגט זיינע ווערטער (נישט זיך באַציענדיג צום פאַרלאַנג פון מלוה אַז דער בעלזער רב זאָל איהם צוזאָגן), "דו וועסט קיינמאָל נישט שאָדן האָבן דיין געלט, אויב דו וועסט איהם מוחל זיין דעם חוב, וועסטו פאַרדינען דאָס געלט אויף אַן אַנדער אָרט. דאָס געלט וועט שוין געפינען דעם וועג אָנצוקומען צו דיר".

הערנדיג אַזעלכע קלאָרע רייד פון הייליגן בעלזער רב זי"ע, האָט דער מלוה פאַרשטאַנען אַז "יש דברים בגו", און ער האָט זיך אָנגערופן, "איך בין מוחל מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר דעם לוה", און ער איז געגאַנגען צו דער באַן אַהיים צו פאָרן. אויף דער באַן-סטאַנציע, האָט דער מלוה געקויפט אַ "לאָטאָ", און ער האָט געוואונען גענוי די סומע וויפיל ס'איז געווען די הלוואה - נישט מער, און נישט וויניגער... (מפי הגה"ח רבי שלום בראַנדער זצ"ל, ראש ישיבת בעלזא).

דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין אַרבעט אָדער אויף זיינע געשעפטן, און ער מיינט אַז פון דעם האָט ער פרנסה, איז ער ווי אַן עובד עבודה זרה ח"ו. פונקט ווי זיי רעדן זיך איין, אַז די שטערן און מזלות קענען משפיע זיין אויף זיי אַ שפע פון פרנסה און אַנדערע באַדערפענישן, אַזוי גענוי פאַרלאָזט ער זיך אויף זיינע געשעפטן, און ער "דינט" זיי, מיינענדיג אַז פון זיי וועט קומען זיין הילף... דער מענטש דאַרף גלייבן, אַז די גאַנצע הצלחה פון געשעפט איז נישט מער ווי אַ מיטל דורך וועלכן דער אויבערשטער שיקט אים כסדר פרנסה. דאָס וואָס ער דאַרף פאַרדינען, וועט ער ממילא באַקומען, סיי אויב ער אַרבעט יאָ, סיי אויב ער אַרבעט נישט. נאָר ער דאַרף זיך פירן אַזוי ווי ס'איז איינגעפירט אין דער וועלט, און טוהן השתדלות כדי ממשיך צו זיין פרנסה פונעם באַשעפער'ס אָפענע און פולע האַנט.

נאַרישע געדאַנקען. דורך דעם ווערן נמשך אויף איהם השפעות טובות, וויבאַלד די צינורות פון שפע זענען ריין, און דורך דעם איז ער זוכה צו רייכטום, "לעשות בזהב ובכסף ובנחושת". אויף דעם זאָגט דער פסוק, "ולחשוב מחשבות", מ'דאַרף טראַכטן הייליגע געדאַנקען, אויך אין דער צייט ווען "לעשות בזהב ובכסף ובנחושת", ווען מ'איז פאַרנומען מיט גאָלד זילבער און קופּער. ווען דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אמונה אַז פרנסה קומט פון הימל, און נישט דורך השתדלות, האָט ער מנוחת הדעת, און עס טוט זיך אָפּ פון איהם די דאגה פון פרנסה.

**אַזוי** זאָגט דער פסוק אין דער היינטיגער פרשה (פקודי לט, ג) "וירקעו את פחי הזהב". זאָגט דער תרגום אונקלוס, "וירקעו - ורדידו". זיי האָבן עס געמאַכט דין.

**טייטשט** דער "דברי ישראל" זי"ע, "פחי הזהב" איז מרמז אויף די דאגות פון געלט (פון לשון "פחי נפש"), וואָס דער מענטש זאָרגט וועגן פרנסה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, "וירקעו את פחי הזהב", מ'זאָל "דין מאַכן" - פאַרמינערן די דאגות פון פרנסה, און בכלל, דאגות עולם הזה[ח].

"וירקעו" איז אויך פון לשון "רקיע" (הימל), דער מענטש זאָל געדענקען אַז "אין לנו על מי להישען, אלא על אבינו שבשמים" (עי' סוטה מט.), און אַלעס איז באַשטימט פון הימל[ט], ס'וועט איהם גאָרנישט צוגעבן, אויב ער וועט האָרוועןאומזיסט, און אַזוי אַרום וועט ער פאַרוואַנדלען זיינע דאגות און פּראָבלעמען אַז זיי זאָלן ווערן "דינע" פּראָבלעמען.

---

**ח.** אַ רב האָט מיר געזאָגט, די וועלט פירט זיך, ווען מ'קומט עסן אַ מאכל, קוקט מען נאָך די "השגחה", ווער ס'איז דער רב המכשיר, און ווי כשר דאָס מאכל איז. אָבער נישט ווייניגער דערפון דאַרף דער מענטש זיך מתבונן זיין ווען ער קומט "ביים זיך עסן דאָס האַרץ", ער רעגט זיך איבער זיין מצב, אָדער אויף אַ צווייטן וואָס האָט איהם געטוהן אַזוי און אַזוי. איינער האָט איהם קאַליע געמאַכט אַ שידוך; אַ צווייטער, האָט איהם גורם געווען אַ שאָדן אין זיין פרנסה, און אַזוי ווייטער. דאָס קאָסט איהם געזונט. זאָל ער קודם געדענקען די השגחה פּרטית, אַז דער אויבערשטער איז משגיח אויף יעדן פרט וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, און אַז אַלעס איז פאַר די טובה פונעם מענטש.

**ט.** אַזוי שרייבט דער "יסוד ושורש העבודה", אין זיין צוואה (סי' ל"ג): ביי מיר איז קלאָר מיט אַן אמת'ע און גאַנצע אמונה, אַז אַלעס וואָס דער מענטש האָט, סיי נחת און טובה, אַפילו אַ קלייניגקייט, סיי אַ שאָדן און יסורים ח"ו, אַלעס איז פון דעם באַשעפער יתברך שמו ויתעלה, מיט אַ השגחה פּרטית אויף יעדן מענטש, יעדע מינוט, און נישט דורך אַ צופאַל ח"ו.

דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז אַ חשוב'ער איד, אַ בנן של קדושים, וועלכער איז ליידער געווען אַן אָרימאַן, געווען ביי זיין פאָטער, דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק מהר"י זי"ע, וועלכער האָט איהם אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און זיך שטאַרק משתעשע געווען מיט איהם, איהם אַרויסבאַגלייטנדיג נאָך דעם באַזוך. שפּעטער האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד געפרעגט זיין טאַטן, ווער עס איז דער איד וועמען דער טאַטע האָט אַזוי מכבד געווען. האָט דער בעלזער רב געענטפערט:

- דער אָרימאַן איז איינער פון די גרעסטע גאונים אין דור. ער איז בקי אין ש"ס בבלי, ירושלמי, מדרש, מכילתא, ספרא, ספרי, און אַזוי ווייטער. ס'איז כמעט נישט דאָ זיינס גלייכן אין אונזער דור. דערפאַר האָב איך איהם אָפּגעגעבן אַזוי פיל כבוד.

און דער מיטעלער בעלזער רב האָט צוגעגעבן:

- וועסטו מיך אַוודאי פרעגן, אויב ער איז אַזאַ גרויסער למדן, פאַרוואָס זיצט ער נישט אויף דער רבנות-שטוהל אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע... איז דער תירוץ, 'אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט...'. וועסטו מיך ווייטער פרעגן, ריכטיג טאַקע, ער איז נישט געוואָרן אַ רב אין אַ גרויסער שטאָט, אָבער פאַרוואָס האָט מען איהם נישט אויפגענומען כאָטש אַלס רב אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן, אָדער אין גאַליציע... וועל איך דיר ווייטער ענטפערן, 'אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט...'. און אויב דו וועסט פרעגן, גוט, אַלס אַ רב, האָט מען איהם נישט באַשטימט פון הימל, אָבער פאַרוואָס איז ער נישט געוואָרן כאָטש אַ ראש ישיבה, אָדער אַפילו אַ שוחט, אָדער אַן אַנדערע 'כלי קודש'? וועל איך דיר ענטפערן אויך אויף דעם: אַז דער אויבערשטער וויל נישט,

איז נישט... און אויב דו ווייסט וויטער ווען ווייסן, פאַרוואָס מאַכט ער נישט פרנסה אַזוי ווי יעדער פשוט'ער איד, וועל איך דיר אויך אויף דעם ענטפערן: אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט...

יאָרן שפּעטער, ווען דער בעלזער רב רבי ישכר דוב האָט דערציילט די מעשה, האָט ער צוגעלייגט:

- דער טאַטע ז"ל האָט דאָך געהאַט ביי זיך אינעם הויף די 'יושבים', וואָס דער גאַנצער עול פון זייער פרנסה איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער טאַטע ז"ל נישט אַריינגענומען דעם אָרימאַן צווישן די 'יושבים', איהם אויסצוהאַלטן מיט פרנסה? איז אויך אויף דעם דער תירוץ: אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט...

די דאָזיגע מעשה האָט דערציילט דער פישטיאַנער רב, הגאון רבי ישכר שלמה טייכטאַל זצ"ל הי"ד, דער מחבר פון "משנה שכיר", און ער האָט צוגעלייגט דערצו, אַז ער אַליין איז אַמאָל געווען אין אַ שטעטל אין מזרח-אייראָפּע. דאָרט האָט ער געזעהן זיינס אַ באַקאַנטן, אַ זקן מופלג, וועלכער איז געזעסן און געזאַמלט נדבות צום לעבן. האָט דער פישטיאַנער רב איהם געפרעגט, "איר האָט דאָך אַלע יאָרן געאַרבעט און געהאַט פרנסה בריווח, נו פאַרוואָס האָט איר נישט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט אויף די עלטערע יאָרן, צו קענען לעבן בכבוד?". האָט דער אַלטער איד איהם געענטפערט:

- איך האָב יאָ אָפּגעשפּאָרט געלט אַ סאַך יאָרן, און איך האָב באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַ שיינעם סכום. איך האָב אָבער דאָס גאַנצע געלט אינוועסטירט אין די געשעפטן פון מיין איידים, און ער האָט לעצטענס פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט. אַזוי איז מיין גאַנצע האָרעוואַניע און פלאָג אָפּצושפּאָרן געלט אויף די עלטערע יאָרן, געגאַנגען צוגרונד. און יעצט זיץ איך דאָ אין ווינקל, און איך זאַמל אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה. איין זאַך קען איך דיר אָבער זאָגן: איך בין אינגאַנצן נישט צובראָכן פון מיין מצב. איך נעם אָן די גזירה פון הימל מיט ליבשאַפט, ווייל איך ווייס, אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט...

שפּעטער האָט הרב טייכטאַהל געזאָגט: "אויף דער ערשטער מינוט, בין איך געווען ערשטוינט צו זעהן ווי אַ פשוט'ער איד האָט אַזאַ שטאַרקע אמונה ווי דער בעלזער רב, צו קענען ביישטיין אַזאַ נסיון און זאָגן, 'אַז דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט'. אָבער שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך דאָ אַ גרויסער מרחק צווישן די אמונה פון בעלזער רב, און די אמונה פון דעם איד, ווייל ער איז געקומען צו דער אנערקענונג ערשט נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן אַזוי פיל געלט, אָבער דער בעלזער רב האָט לכתחילה איינגעוואָרצלט דעם ענין, נאָך איידער ער זאָל דאַרפן שפּירן אויפ'ן אייגענעם הויט די צרות און יסורים ח"ו, נאָר מ'זאָל באַלד ווייסן און אנערקענען אַז אַלעס ווענדט זיך אין דעם רצון פונעם אויבערשטען".

שלמה המלך ע"ה זאָגט (משלי טז, ז) "ברצות ה' דרכי איש, גם אויביו ישלים אתו". זאָגן די ספרים על דרך משל, אַ מענטש איז אַהיים געקומען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און געוואָלט טרינקען וואַסער. ער איז צוגעגאַנגען צום קראַן, אָבער ס'איז נישט אַרויסגעקומען וואַסער. וואָס האָט ער געטוהן? ער האָט געדרייט דעם קראַן אַהין און אַהער, אָבער אָן דערפאָלג. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געפּאָרעט דערמיט ביז עס איז צובראָכן געוואָרן, אָבער קיין וואַסער איז נישט געקומען. האָט ער געקויפט אַ נייעם קראַן, אָבער וואַסער איז ווייטער נישט אַרויסגעקומען... ער האָט זיך אַרומגעשפּילט מיט די רערן וואָס פירן דאָס וואַסער, אָבער אָן ערפאָלג. האָט זיין חבר איהם אָנגעשריגן: "וואָס האָסטו זיך צו פּאָרען מיט די רערן און קראַנען?... גיי אַריבער אין 'סיטי האָל' (שטאָט-ראַט), וואָס זיי שטעלן-צו דאָס וואַסער. זיי האָבן דיר אָפּגעריסן דעם וואַסער-פלוס, ווייל דו האָסט נישט באַצאָלט דעם חוב. אַזוי לאַנג ווי דו וועסט נישט ערלעדיגן דעם חוב ביי דער שטאָט, וועלן נישט העלפן אַלע דיינע 'חכמות' און באַמיאונגען צו ברענגען וואַסער".

דער נמשל איז: עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש, אַז יענער האָט איהם "פאַרמאַכט" די פרנסה. זיין קרוב אָדער זיין ידיד האָט איהם קאַליע געמאַכט אַ שידוך. זיין שכן האָט איהם פאַרשטעלט דעם שיין פון די זון, דער דרייווער פונעם אויטאָבוס איז איהם 'אַנטלאָפן'... איינער האָט איהם צוגעכאַפּט זיין רייע אין דער באַנק, אָדער ביים דאָקטאָר, אָדער ער איז אָנגעקומען פינף מינוט איידער מ'האָט פאַרמאַכט די באַנק, און די 'עי טי עם' מאַשין אַרבעט נישט... און אַזוי ווייטער. וואָס טוט דער 'חכם'? ער טוישט זיינע גוטע פריינט, ער באַרעדט אַ צווייטן, ער צעקריגט זיך מיט'ן דריטן, און פאַר דעם פערטן, וועט ער קיינמאָל נישט מוחל זיין... דער אמת איז אָבער, אַז קיינער קען איהם גאָרנישט טוהן פון זיך אַליין. מ'דאַרף זיך ווענדן צום ריכטיגן 'אַדרעס'. נאָר פון הימל וועט מען איהם צוריקגעבן די שפע.

אַזוי שרייבט דער "חובות הלבבות" (הקדמה לשער הבטחון) אַז דער מענטש וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, דערגרייכט דעם תועלת פון פרנסה, און ער שפּאָרט איין די טירדא פון די געדאַנקען פון דעם מענטש וואָס האָט געלט, און זאָרגט שטענדיג וועגן דעם.

### מאת אדנים - די וויכטיגקייט פון "מאה ברכות"

אין דער היינטיגער סדרה (פקודי, לח, כז) לייענען מיר: "מאת אדנים למאת הככר, ככר לאדן". זאָגט דער "בעל הטורים", אַז אַנטקעגן די 100 אדנים פון משכן, האָט מען מתקן געווען צו זאָגן 100 ברכות יעדן טאָג.

הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט ("ליקוטי הרי"מ", פקודי), אַז מ'האָט געדאַרפט האָבן פאַר'ן משכן 100 אדנים, און אַזוי אויך דאַרף מען יעדן טאָג זאָגן 100 ברכות. און פונקט אַזוי ווי די "אדנים" זענען געווען דער יסוד פון משכן, אַזוי זענען די ברכות דער יסוד פון די קדושה פון יעדן איד.

אויך זאָגט דער "חידושי הרי"ם", "אדן" איז פון לשון "אדנות". ווען דער מענטש מאַכט אַ ברכה, זאָגט ער עדות אַז דער אויבערשטער איז דער האַר פון די גאַנצע בריאה, און די 100 ברכות זענען די 100 "אדנים" פאַר דעם "משכן" פון יעדן איד, עכל"ק.

די 100 ברכות וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג, זענען אַ שמירה פאַר אידישע קינדער, ווי דער טור שרייבט (או"ח סי' מו) אין נאָמען פון רב נטרונאי גאון, וועלכער איז געווען דער ריש מתיבתא אין מתא מחסיא, אַז דוד המלך ע"ה האָט מתקן געווען צו זאָגן 100 ברכות יעדן טאָג, ווי דער פסוק זאָגט (ש"ב כג, א) "הוקם על". ע"ל באַטרעפט די צאָל 100, ווייל יעדן טאָג זענען געשטאָרבן 100 אידישע נפשות און מ'האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס זיי שטאַרבן, ביז דוד המלך ע"ה האָט געפּאָרשט די זאַך, און מיט זיין רוח הקודש, האָט ער מתקן געווען צו זאָגן 100 ברכות יעדן טאָג'.

ספּעציעל דאַרף מען זיין געוואָרנט ביי ברכות הנהנין, ווי הגה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע שרייבט ("שער רוח הקודש", ח:), אַז זיין רבי, דער אר"י הקדוש זי"ע, האָט שטאַרק געוואָרנט וועגן דעם, אַז דער עיקר השגה פון רוח הקודש ווענדט זיך אין דעם. אין יעדן מאכל, איז דאָ אַריינגעמישט אַ גשמיות'דיגער חלק, און אַ רוחניות'דיגער חלק. דער "חומר" פון מענטש קומט

---

אויף דעם זאָגט שלמה המלך ע"ה: "ברצות ה' דרכי איש", אויב דער מענטש ווייסט אַז אַלע זיינע וועגן זענען פון רצון פון באַשעפער. "גם אויביו ישלים אתו" - וועט ער האָבן מנוחת הנפש, ווייל ער וועט אַלעס אָננעמען מיט ליבשאַפט.

הגה"ח רבי זלמן בריזעל זצ"ל, האָט אין זיינע עלטערע יאָרן אַמאָל באַזוכט אין הויז פון איינע פון זיינע איידימער. אַרויסגייענדיג פון דאָרט, האָט מען באַשטעלט אַ טעקסי, וואָס זאָל איהם אַהיימפירן (אויף דער עלטער, איז איהם געווען שווער צו גיין. ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו הילף אויף יעדן שריט און טריט). דער בנין (וואו זיין איידים האָט געוואוינט) האָט געהאַט עפענונגען פוןביידע זייטן גאַס. ווען רבי זלמן איז קוים אָנגעקומען צו איינע פון די עפענונגען אין באַגלייטונג פון זיין אייניקל, האָבן זיי אויסגעפונען אַז דער טעקסי וואַרט ביים צווייטן טויער פון הויז. האָט רבי זלמן "צושפּאַצירט" מיט זיין אייניקל צום צווייטן טויער, אָבער דערווייל, איז דער דרייווער צוגעפאָרן צום ערשטן טויער, און אַזוי האָבן זיי ביידע "זיך געשלעפּט" צום ערשטן טויער... מאַכנדיג די "הקפות", האָט רבי זלמן געזאָגט צו זיין אייניקל:

- לאָמיר נישט זיין, חלילה, אפיקורסים. דער דרייווער איז נישט דער וואָס "פירט" אַהין און אַהער. ער איז נישט מער ווי אַ שליח פון דעם אויבערשטען. קומט אויס, אַז אַזוי איז דער רצון הבורא, און דעם באַשעפער'ס רצון דאַרף מען מקיים זיין פרייליכערהייט...

און אַזוי גייענדיג אַהין און אַהער, האָט רבי זלמן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ טענצל פאַר'ן באַשעפער...

י. הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל ערקלערט דאָס ענין אויף אַ וואונדערליכן אופן, בדרך משל: איינער האָט שלעכטס געטוהן פאַר זיין חבר, און ער וויל איהם איבערבעטן. גייט ער צו איהם, און ער רעדט מיט איהם. ער גיט איהם אָפּ כבוד, און אַזוי טוט ער מערערע מאָל, ביז ער וועט איהם שוין נישט ווען שלעכטס טוהן, וויבאַלד ער האָט איהם אַזוי פיל מאָל איבערגעבעטן. דאָס זעלבע ווען דוד המלך ע"ה האָט געזעהן אַז עס שטאַרבן יעדן טאָג 100 מענטשן רח"ל, האָט ער מתקן געווען צו זאָגן 100 ברכות, אַז אידן זאָלן כסדר זאָגן די ווערטער "ברוך אתה ה'", ביז דער אויבערשטער וועט באַוויליגט ווערן און דער חרון אף וועט אָפּגעטוהן ווערן פון אידישע קינדער.

פונעם גשמיות'דיגן חלק פון מאכל, און ווען מ'מאַכט אַ ברכה ווי עס דאַרף צו זיין, גייט אַוועק דער גשמיות'דיגער חלק פונעם מאכל, און עס בלייבט איבער נאָר דער רוחניות'דיגער חלק, און אַזוי קען דער מענטש דערגרייכן די מדרגה פון רוח הקודש.

**די** ברכות וואָס מ'זאָגט אַרויס מיט'ן מויל, דאַרפן געזאָגט ווערן מיט אַ געהעריגע כוונה און דעת, ווי די גמרא זאָגט (ברכות מז.) "לא יזרוק ברכה מפיו". מ'זאָל נישט "אַרויסוואַרפן" אַ ברכה פונעם מויל[יא].

**עס** ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' קפ"ג, סי"ב) "אסור לברך והוא עוסק במלאכתו". מ'טאָר נישט מאַכן אַ ברכה פאַר דעם אויבערשטען ווען מ'איז פאַרנומען מיט די אייגענע אַרבעט.

**דער** כלל איז, אַז ווען מ'מאַכט אַ ברכה, דאַרף מען זיצן אויף אַ באַשטימטן אָרט, און מסיח דעת זיין פון אַלע אַנדערע זאַכן, און אַזוי זאָל ער מאַכן די ברכה מיט אַ כוונה פון האַרץ. ער זאָל געדענקען אַז ער איז זוכה צו שטיין פאַר דעם אויבערשטען, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. און וועגן דעם ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (שם ס"ט) אַז בשעת די ברכה, זאָל מען נישט זיין אָנגעלעהנט, וואָס דאָס איז אַ וועג פון גאווה, נאָר מ'זאָל זיצן באימה מיט פאַרכט[יב].

---

דער בעל הטורים זאָגט (דברים ו, ז) אויפ'ן פסוק "ובשכבך ובקומך", אַז דער אות קו"ף האָט "תגין" (קרוינען), צו לערנען אונז, אַז ווען דער מענטש שטייט אויף אינדערפרי, זאָל ער זאָגן 100 ברכות, און ער וועט ווערן געראַטעוועט פון די 98 קללות און נאָך צוויי קללות (דברים כח, סא) "גם כל חלי וכל מכה" וגו'.

די ראשונים (אור זרוע, אבודרהם, ועוד) זענען דאָס מרמז אין לשון פון פסוק (תהלים קכח, ד) "הנה כי כן יבורך גבר ירא ה'". די צוויי ווערטער "כי כן" זענען בגימטריא 100, ווייל דער מענטש וואָס מאַכט 100 ברכות יעדן טאָג, ווערט געבענטשט מיט אַלע ברכות וואָס זענען געזאָגט געוואָרן פאַר דעם ירא שמים.

אויך זאָגט דער בעל הטורים אויפ'ן פסוק (דברים ד, ד) "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום". עס זענען דאָ "תגין" אויף דעם אות קו"ף פון וואָרט "הדבקים", אַ רמז אויף די 100 ברכות וואָס מ'דאַרף זאָגן יעדן טאָג. פון די ווערטער פונעם בעל הטורים זעהען מיר, אַז עס איז מרומז דווקא אין פסוק "ואתם הדבקים", צו לערנען אונז דורך זאָגן 100 ברכות טעגליך, איז מען דבוק אין דעם אויבערשטען. (אויך איז דער פסוק מרמז, "חיים כולכם היום", אַז מיט זאָגן 100 ברכות, מאַכט מען בטל אַלע מגיפות און שלעכטע מחלות רח"ל).

עס איז אויך מסוגל צו האָבן יראת שמים, ווי עס שרייבט הרה"ק בעל "ישמח משה" זי"ע (פ' עקב), מיר געפינען צוויי דרשות אין די חז"ל, אויפ'ן פסוק (דברים י, יב) "ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה", דרש'ענט די גמרא "אל תקרי מה, אלא מאה". דאָס זענען די 100 ברכות וואָס מ'דאַרף מאַכן יעדן טאָג. אויך זאָגט די גמרא (ברכות לג:) "אטו יראה מילתא זוטרתא היא". צו דען איז יראת שמים אַ קלייניגקייט? זאָגט דער "ישמח משה", איז איין דרש איז משלים דעם אַנדערן דרש. דער מענטש וואָס זאָגט 100 ברכות יעדן טאָג ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט יראת שמים ביי איהם ווי אַ "קלייניגקייט".

**יא.** אַ פשוט'ער איד, אַ באַאַמטער אין אַ באַנק, האָט שנעל אָפּגעכאַפּט דאָס דאַווענען. נאָכ'ן דאַווענען, איז דער גאון בעל "חפץ חיים" זי"ע צוגעגאַנגען צו דעם איד, און איהם געזאָגט אַז ער זאָל נישט גיין אַרבעטן. אויף די פאַרוואונדערונג פון דעם איד פאַרוואָס ער זאָל נישט גיין אַרבעטן, האָט דער "חפץ חיים" איהם געזאָגט:

- די פוסקים זאָגן ("דרכי משה", או"ח סי' נא) "לא ידלג שום תיבה ולא יבליעם, אלא יוציא מפיו כאילו מונה מעות". מ'זאָל נישט איבערהיפּן אַפילו איין וואָרט פון דאַווענען, און מ'זאָל נישט שלינגען די ווערטער, נאָר מ'זאָל אַרויסזאָגן די ווערטער פון מויל אַזוי ווי אַ מענטש וואָס ציילט געלט. ווען דו האָסט געדאַוונט - האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט צו דעם איד - האָב איך געזעהן אַז דו 'ציילסט געלט' אויף אַ שנעלן אופן. אויף אַזאַ וועג, איז קלאָר אַז דו וועסט מאַכן אַ טעות ביי דער אַרבעט אין באַנק... דעריבער איז בעסער אַז דו זאָלסט נישט גיין אַרבעטן היינט, ווייל דו קענסט מער קאַליע מאַכן, ווי פאַרדינען...

**יב.** אַ מורא'דיגע מעשה, ווערט געברענגט אין "אור זרוע" (סי' מב), ווי פאָלגענד: איך האָב געקענט אַן אַלטן איד אין דער שטאָט וואמ"ש, מיט'ן נאָמען ר' בונם, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַגראָבן נפטרים. אַמאָל איז ער געקומען פרי אין שול, און האָט געזעהן אַ מענטש זיצן פאָרנט פון דער שול, מיט אַ קרוין פון גראָז וואָס מ'רופט

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"א, עו:) ווען די נשמה גרייט זיך אַראָפּ צוקומען אויף דער וועלט, באַשווערט דער אויבערשטער די נשמה, זי זאָל היטן די מצוות פון דער תורה און טוהן זיין רצון, און ער גיט איר 100 שליסלען פון ברכה. די 100 שליסלען, זענען די 100 ברכות ווי עס באַטרעפן די ווערטער "לך לך".

**אַזוי** שטייט אויך אין זוהר הקדוש פרשת עקב (ח"ג, רעא.) אַז דער מענטש וואָס בענטשט דעם אויבערשטען, ווערט געבענטשט און ער באַקומט אַ חלק אין די ברכות. ער וועט אַ כלי, מוכשר צו נעמען די ברכה. ווען ער לויבט דעם אויבערשטען, קומט אַראָפּ דער חלק פון די ברכה און רוהט אויף דעם קאָפּ פונעם מענטש וואָס מאַכט די ברכה. אַזוי זאָגט דער פסוק (שמות כ, כא) "בכל המקום אשר אזכיר את שמי, אבוא אליך וברכתיך". און דער זוהר פירט אויס, אַז נאָך דעם ווי די ברכה רוהט אויף זיין קאָפּ (פון דעם מענטש וואָס מאַכט די ברכה), ווערט עס אויסגעשפּרייט אויף אַלע מענטשן פון דער וועלט.

**זעהען** מיר אַז דורך דעם וואָס אַ מענטש לויבט דעם אויבערשטען און ער מאַכט אַ ברכה, איז ער מעורר אַ שפע אויף די גאַנצע וועלט בכלל, און אויף זיך בפרט, און ער איז זוכה צו די טויערן פון ברכה און הצלחה.

**עס** שטייט אין ספה"ק "דרך פקודיך" (ל"ת ל, חלק המחשבה, ג) ווען דער מענטש דערמאָנט דעם אויבערשטען'ס נאָמען ווי געהעריג, העלפט איהם דער אויבערשטער אין אַלע זיינע ענינים, ווייל דורך די שמות הקדושים פון דעם אויבערשטען, ווערן באַשאַפן אַלע באַשעפענישן, און ממילא, ווען מ'דערמאָנט דעם אויבערשטען'ס נאָמען, פועל'ט מען אַ נייע הוי' לויט די תפילה וואָס ער דאַרף דעמאָלטס האָבן. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים צא, יד-טו) "אשגבהו כי ידע שמי, יקראני ואענהו" וגו', ווען מ'דערמאָנט דעם אויבערשטען'ס נאָמען מיט כוונה, ווערט געשטאַרקט די גאַנצע בריאה, און ממילא איז ער זוכה צו אַ ברכה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, כא), "בכל המקום אשר אזכיר את שמי, אבוא אליך וברכתיך"[יג].

---

"צפל". ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, מיינענדיג אַז יענער איז אַ ש"ד, און ער האָט אים צוגערופן און איהם געפרעגט, "צו ביזטו נישט יענער וואָס איז לעצטענס געשטאָרבן און איך האָב דיך באַגראָבן?". האָט יענער געענטפערט: "יאָ, דאָס בין איך".

האָט ר' בונם איהם געפרעגט, ווי אַזוי עס גייט איהם אויף יענער וועלט, און דער איד האָט געענטפערט, אַז עס גייט איהם דאָרט גאָר גוט. האָט ער איהם געפרעגט, "וואָס פאַראַ זכותים האָסטו? דו ביזט דאָך געווען אַן 'אדם כל דהו', סתם אַ מענטש". האָט ער געענטפערט: "אין זכות וואָס איך האָב יעדן טאָג געזאָגט די ברכות אין שול מיט אַ זיס קול, נאָר אין דעם זכות האָט מען מיך געברענגט אין גן עדן, און מ'גיט מיר אָפּ כבוד. אַ סימן האָסטו אַז איך בין דער וואָס רעדט צו דיר, ווייל דו קענסט זעהן די ערמל פון מיין העמד ווי עס איז צעריסן. דו האָסט עס צעריסן ווען דו האָסט מיר אָנגעטוהן די תכריכים".

ווען ר' בונם האָט איהם געפרעגט וואָס ער האָט אויף זיין קאָפּ, האָט דער איד געענטפערט, "דאָס זענען גראָזן פון גן עדן, וואָס איך האָב אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ, כדי איך זאָל נישט שפירן דעם שלעכטן ריח פון דער וועלט".

דער "אור זרוע" פירט אויס: "איך, דער מחבר, האָב פאַרשריבן די פאַסירונג, כדי דער ירא שמים זאָל זעהן און גוט צולייגן האַרץ, און זאָגן די שבח פון דעם אויבערשטען מיט אַ זיס קול און מיט כוונה, און ער וועט זוכה זיין צו גן עדן".

פון דער מעשה דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען ווי וויכטיג ס'איז צו זאָגן די ברכות מיט כוונה, און מיט אַ זיס קול, און אַפילו "סתם אַ מענטש" – "אדם כל דהו" - ווי דער "אור זרוע" באַצייכנט יענעם איד - קען אַדאַנק דעם זוכה זיין צו געניסן פון גן עדן, אין עולם הבא.

**יג.** אַזוי האָט געזאָגט דער הייליגער "שרף" פון סטרעליסק זי"ע, אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן "ברוך שאמר והיה העולם, ברוך הוא". אויב דער מענטש ווייסט אַז ווען ער זאָגט "ברוך", דאַן איז "והיה העולם" - ווערט אַ נייע מציאות אויף דער וועלט, "ברוך הוא", דאָס איז די אמת'ע ברכה.

**מ'דאַרף** אויך געדענקען, אַז ווען מ'דערמאַנט דעם שם הוי' ברוך הוא, הייבט מען אויף די גאַנצע בריאה, ווי דער "כלי יקר" (פ' יתרו) טייטשט דעם פסוק (שמות כ, ז) "לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא". דו זאָלסט נישט אַרויסזאָגן דעם נאָמען פון דעם אויבערשטען אומזיסט, און די חז"ל זאָגן (שבועות לט.) אַז די גאַנצע וועלט האָט אויפגעציטערט ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט "לא תשא".

**זאָגט** דער "כלי יקר", "תשא" איז פון לשון אויפהייבן. פונקט אַזוי ווי ווען אַ מענטש הייבט אויף אַ בוים, שאָקלען זיך אַלע צווייגן צוזאַמען מיט'ן בוים, אַזוי אויך דער מענטש וואָס שווערט ביי דעם אויבערשטען'ס נאָמען, וויבאַלד אַלע באַשעפענישן זענען אָנגעהאָנגען אין דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און דער וואָס "טראָגט" זיין נאָמען איז גלייך ווי ער "טראָגט" אַלע צווייגן וואָס ווערן געטראָגן מיט איהם, דאָס הייסט, אַלע באַשעפענישן וואָס געפינען זיך אויבן און אונטן. ממילא, ווערן אַלע באַשעפענישן אויפגעציטערט, און די שטראָף (פאַר'ן שווערן פאַלש ביים נאָמען פון דעם אויבערשטען) וועט אָנרירן אַלע באַשעפענישן.

**זאָגט** דער "כלי יקר", אַז פאַר דעם האָט די תורה אַרויסגעזאָגט אַזאַ האַרבן עונש: "כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא", ווייל דאָס איז "לא ניתן למחילה כלל", מ'קען נישט מוחל זיין אַזאַ עבירה, ווייל דאָס איז אַן עבירה "בין אדם לחבירו", וואָס דער אויבערשטער איז נישט מוחל (ביז מ'בעט איבער דעם חבר).

**דער** "כלי יקר" שרייבט: "ווי אַזוי קען דער אויבערשטער מוחל זיין פאַר דעם מענטש וואָס האָט אָנגערירט דעם הייליגן בוים, און גורם געווען אַ פורענות רח"ל פאַר אַלע צווייגן אויבן און אונטן. און וואו זענען די אַלע באַשעפענישן וואָס זענען געשטראָפט געוואָרן צוליב דעם, אַז ער זאָל זיי קענען איבערבעטן? צו דען קען ער גיין פון איין עק הימל ביז'ן צווייטן עק, און פון דעם תהום אונטער דער ערד, ביז די העכסטע הימלען, כדי איבערצובעטן אַלע באַשעפענישן אויבן און אונטן, וואָס ער האָט זיי אָנגערירט? און דערפאַר שטייט, כי לא ינקה ה', ווייל ס'איז נישט אין דעם אויבערשטען'ס האַנט כביכול, מוחל צו זיין די דאָזיגע עבירה, ווייל עס איז בכלל נישט איבערגעגעבן פאַר אַ מחילה", עכ"ל.

**און** ווען דער מענטש זאָגט אַרויס דאָס וואָרט "אלקינו", זאָל ער מעורר זיין שמחה אין זיין האַרץ, אַז ער איז זוכה אַז דער האַר פון דער וועלט איז זיין באַשעפער, וואָס גיט אַכטונג אויף איהם, טראָץ דעם וואָס ער איז אַ "קרוץ מחומר", און "יסודו מעפר וסופו לעפר", און דער אויבערשטער איז הייליג און זיין נאָמען איז הייליג, ווי דער "אור החיים" הקדוש שרייבט (פ' ואתחנן) "שלא בחר להיות אלא אלקיך", וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן צו זיין, נאָר דיין גאָט, און אַז דער מענטש וועקט אויף זיין האַרץ צו אַזעלכע פרטים, וועט זיין נשמה נתעורר ווערן ליב צו האָבן דעם באַשעפער ברוך הוא, עיי"ש.

**אויך** ווען מ'זאָגט די ווערטער "מלך העולם", דאַרף מען איינוואָרצלען אין האַרץ דעם ענין פון השגחה פרטית, אַז דער באַשעפער זיצט אויפ'ן כסא הכבוד, און ער איז משגיח מיט אַ ספּעציעלע השגחה פרטית אויף אַלע פאַסירונגען וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט.

**עס** שטייט אין ספה"ק "יסוד ושורש העבודה" (שער האשמורת, פ"ב) דאָס זאָלסטו לייגן אויף דיין האַרץ, פאַר ווען דו זאָגסט אַרויס אַ וואָרט. דו זאָלסט האָבן דעם כלל, ביי וועלכע ברכה עס זאָל נאָר זיין, ווען דער מענטש זאָגט "ברוך אתה", זאָל ער פאָרשטעלן אין זיין געדאַנק, ווי ער זאָגט די ווערטער פאַר דעם גרויסן באַשעפער, יתברך שמו ויתעלה. אויף דעם ווייזט דאָס לשון "ברוך אתה", ווייל עס איז אַ גרויסער חיוב אויף יעדן מענטש, ביי אַלע תפלות און אַלע געזאַנגען, עס זאָל נישט אַרויסגיין אַ וואָרט פון מויל אָן כוונה, "כמצוות אנשים מלומדה" ח"ו, נאָר ער זאָל זיך פאָרשטעלן ווי ער שטייט און רעדט ממש צו דעם אויבערשטען, וואָס "מלוא כל הארץ כבודו", עיי"ש.

**דער** רבינו תם שרייבט אין ספר הישר (שער יג), "וטוב לו המעט התמידי מן הרב אשר לא יעמוד", ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש ווייניגער, אויף אַ קביעת'דיגן אופן, ווי אַ סאַך וואָס האָט נישט אַ קיום. צוליב דעם דאַרף יעדער איינער נעמען אויף זיך צו שטאַרקן זיך אַרויסצוזאָגן פון מויל אַ סאַך ברכות יעדן טאָג, בקדושה ובטהרה, מיט אַ כוונה פון האַרץ, און די קבלה זאָל זיין ביי איהם ווי אַ "חק ולא יעבור". ער זאָל עס שטענדיגן אָפּהיטן אַפילו מיט מסירות נפש.

אויב ער וועט אַזוי טוהן, וועט די דאָזיגע גוטע קבלה איהם שטענדיג דערמאנענ וואָס ס'איז זיין פליכט אויף דער וועלט, און די אמונה אין דעם אויבערשטען און זיין השגחה פרטית, אַז ער איז דער קעניג אויף דער וועלט[יד].

**שבת החודש - חודש ניסן איז די שטאַרקסטע צייט זיך צו באַנייען**

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז שבת פרשת החודש איז מסוגל באַנייט צו ווערן ווי אַ נייע באַשעפעניש פאַר עבודת השי"ת[טו].

---

**יד.** דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל האָט געזאָגט, אַז יונגערהייט האָט ער גענומען אויף זיך, זיך צו שטאַרקן ביים זאָגן די ווערטער "ברוך אתה" וכו'. און ווי גוט איז צו נעמען אויף זיך צו מאַכן אַ סאַך ברכות, ווי ברכת המזון, "אשר יצר", "על המחיה" וכדומה, מתוך הכתב (אינווייניג אין סידור), כדי מ'זאָל מאַכן די ברכה מיט ישוב הדעת.

**טו.** עס איז מקובל פון קאָזשניצער מגיד זי"ע, צו דערציילן דריי סיפורי מעשיות שבת פרשת החודש (ראש חודש ניסן), און עס איז מסוגל אויף פרנסה, און אַז מ'זאָל קענען פראַווען דעם יום טוב פסח בדיצה ובהרחבה גדולה.

א) אין קעניגליכן פּאַלאַץ איז אַמאָל פאַרלוירן געוואָרן אַ טייערער שטיין, אַ דיאַמאַנט-רינגל. האָט מען אויסגערופן, אַז דער מענטש וואָס וועט געפינען דאָס רינגל, וועט שיין באַלוינט ווערן דערפאַר. מ'האָט אַפילו אָנגעבאָטן צו צאָלן די הוצאות פון יעדן איינעם וואָס וועט אוועקגעבן צייט צו זוכן דאָס קייזערליכע רינגל (אפי' אויב ער וועט עס למעשה נישט געפינען).

דאָס איז געווען אין די טעג פאַר דעם יום טוב פסח. אַן אַרימער איד וואָס האָט געוואוינט אין יענע מדינה, האָט זיך געוואָנדן צו די שרי המלוכה, און געמעלדן זיין גרייטקייט זיך אָנצושליסן מיט די מענטשן וואָס זענען פאַרנומען מיט זוכן דאָס קעניגליכע רינגל. מיט דעם געלט האָט ער געהאַט אין פלאַן צו קויפן אַלע צרכי החג, אַלעס וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיין משפחה אויף יום טוב.

אַזוי האָט דער איד געטוהן. ער האָט זיך איינגעמעלדן אין קעניגליכן פּאַלאַץ, כאָטש באמת האָט ער נישט געטראַכט צו זוכן דאָס רינגל, נאָר ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט איהם העלפן.

אין דער זעלבער שטאָט האָט געוואוינט אַ גלח, אַ שונא ישראל, וועלכער האָט געהייסן "דיינו". ווען דער גלח האָט אויסגעפונען וואָס דער איד האָט געטוהן, אַז ער האָט גענומען געלט צו זוכן דאָס קעניגליכע רינגל און ער זוכט עס נישט, האָט ער איהם פאַר'מסר'ט פאַר'ן קעניג. דער גלח האָט געהעצט דעם קעניג, מ'זאָל באַשטראָפן דעם איד מיט אַ האַרבע שטראָף רח"ל. ערשטענס, ווייל ער האָט באַ'גנב'עט דעם קעניג, און צווייטנס, ווייל ער האָט איהם אָפגענאַרט.

"מלך במשפט יעמיד ארץ". הערנדיג די ווערטער פונעם גלח, האָט דער קעניג געוואָלט ערשט אויסגעפינען אויב דעם גלח'ס רייד זענען ריכטיג, און אַז דער איד העלפט טאַקע נישט אַרויס אין די זוכענישן. האָט דער גלח גע'עצה'ט דעם קעניג:

- אדרבה, לאָמיר פסח ביינאַכט אַריבערגיין צום הויז פון דעם איד, וועסטו זעהן ווי ער זיצט ביים יום-טוב'דיגן טיש, וואָס איז פול מיט געשמאַקע מאכלים, ווי אַ "בן חורין"!

דער קעניג האָט מסכים געווען, און זיי האָבן אָפגעשמועסט אַ געוויסע שעה פסח ביינאַכט, ווען זיי וועלן אַריבערגיין צום הויז פון דעם איד. אָנקומענדיג אַהין, האָבן דער קעניג און דער גלח געזעהן דורכ'ן פענצטער אַ גרויסע ליכטיגקייט. דער גלח האָט זיך שוין געריבן די הענט פון הנאה, טראַכטענדיג ביי זיך, אָט-אָט וועט דער קעניג באַשטראָפן דעם איד מיט אַ האַרבע שטראָף ח"ו.

פונקט דאַן האָט דער אָרימער איד און זיינע בני בית געהאַלטן ביי דעם פיוט אין דער הגדה "כמה מעלות טובות למקום עלינו". דער אָרימאַן האָט זיך געפירט, אַז ער פלעגט זאָגן די שטיקלעך "אילו הוציאנו ממצרים, ולא עשה בהם שפטים", און די בני בית האָבן געענטפערט: "דיינו", און אַזוי, ביי יעדן שטיקל פון דעם פיוט.

הערנדיג די ווערטער, האָט דער קעניג זיך צעבייזערט אויף דעם גלח, זאָגענדיג אַז ער האָט סתם אַרויסגעלאָזט אַ בלבול אויף דעם איד, וועלכער זיצט אַוודאי יעצט מיט זיין משפחה און באַטראַכט ווער עס קען זיין דער מענטש וואָס האָט גע'גנב'עט דאָס רינגל, און זיי ענטפערן איהם אַז דאָס איז געווען דער גלח: "דיינו"!... קומט אויס, אַז זייער אויספיר איז, אַלזאָ, אַז דו - דער גלח "דיינו" - ביזט גאָר דער וואָס האָט גע'גנב'עט דאָס רינגל...

דער קעניג האָט תיכף באַפוילן זיינע באַדינער אויסצופאָרשן דעם גלח, און נאָך גרויסע חקירות ודרישות האָט דער גלח, דער רשע מרושע, געמוזט מודה זיין אַז ער האָט טאַקע גע'גנב'עט דאָס טייערע רינגל פונעם קעניג'ס פּאַלאַץ.

ס'איז איבעריג מוסיף צו זיין, אַז מ'האָט באַשטראָפט דעם גלח דורך אויפהענגען איהם אויף אַ בוים. כן יאבדו כל אויביך ה'. דער אידישער בעל הבית האָט געהאַט אַ פרייליכן יום טוב, געניסענדיג גאַנץ פסח פון אַלעם גוטן.

ב) די צווייטע מעשה וואָס דער קאָזשניצער מגיד זי"ע האָט געזאָגט אַז ס'איז כדאי צו דערציילן שבת פרשת החודש, איז ווי פאָלגענד:

אַ איד האָט געדונגען אַן אַרענדע ביי אַ פּריץ. אַמאָל, שמועסענדיג מיט זיין אידישן אַרענדאַר, האָט דער פּריץ שטאָלצירט מיט דעם פאַקט וואָס ער איז דער וואָס שפּייזט דעם אַרענדאַר מיט אַ ברייטע האַנט. אָן איהם - דעם פריץ - וואָלט דער איד נישט געהאַט צו עסן, ח"ו. דערויף האָט דער איד געענטפערט, מיט אַ זיכערן טאָן:

- ס'איז נישט ריכטיג וואָס דו זאָגסט. דער אויבערשטער שפּייזט יעדע באַשעפעניש אויף דער וועלט.

הערנדיג דעם איד'ס זיכערע רייד, איז דער פּריץ אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקליכן צאָרן, און האָט אַרויסגעטריבן דעם איד פון דער אַרענדע, זאָגענדיג:

- יעצט וועסטו שוין אַליין זעהן ווער עס גיט דיר דיין פרנסה!...

דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג פאַר'ן יום טוב פסח, ווען יעדן איינעם'ס הוצאות זענען נאָך פיל גרעסער ווי אַ גאַנץ יאָר. דער איד האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין האָפענונג אינעם באַשעפער, אַז ער וועט איהם זיכער נישט פאַרלאָזן אויך מכאן ולהבא.

אַ פּאָר טעג פאַר יום טוב פסח, איז פּלוצלינג געשטאָרבן די מאַלפּע פונעם פּריץ. דער פּריץ האָט זיך שטאַרק מצטער געווען, און נישט קענענדיג זיך אַן עצה געבן מיט'ן קערפּער פון די גע'פּגר'טע מאַלפּע, האָט ער באַפוילן פאַר זיינע באַדינער, עס אַריינצוּוואַרפן אין הויז פון דעם איד, זיין געוועזענעם אַרענדאַר.

פּלוצים, זיצענדיג ביי זיך אינדערהיים, האָט דער איד געהערט אַ שטאַרקן זעץ. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו זען וואָס עס האָט פּאַסירט, און אָט זעהט ער דעם קערפּער פון אַ גע'פּגר'טע מאַלפּע אויף דער ערד פון זיין הויז, און אַרום די מאַלפּע ליגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, גאָר אַ סאַך גאָלדענע מטבעות... דער איד האָט זיך געפרייט מיט דעם גרויסן אוצר וואָס ער האָט דאָ באַקומען אין זיין האַנט, און ער האָט אַרויסגעוואָרפן אין מיסט קאַסטן דעם קערפּער פון די גע'פּגר'טע מאַלפּע. מיט'ן געלט פון די מטבעות, האָט ער באַוויזן צו קויפן אַלע הוצאות החג מיט אַ ברייטע האַנט, און ס'איז איהם נאָך איבערגעבליבן גענוג געלט אויף אַ לאַנגע צייט.

ווען ס'איז געקומען די נאַכט פון יום טוב פסח, האָט דער פּריץ געזאָגט צו זיינע באַדינער אַז ער וויל זעהן וואָס ס'איז געוואָרן מיט'ן געוועזענעם אַרענדאַר. עס פאַרגלוסט איהם צו זעהן - האָט ער געזאָגט - ווי דאָס איד'ל זיצט אין דער פינצטערניש אין דער דאָזיגער פייערליכער נאַכט, ווען אַלע זיינע אידישע פריינט פרייען זיך מיט'ן יום טוב פון "זמן חרותינו".

ווי גרויס איז אָבער געווען דעם פּריץ'ס שטוינונג, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום הויז פון זיין געוועזענעם אידישן אַרענדאַר, און דערזעהן דורכ'ן פענצטער, אַ גרויסע ליכטיגקייט. אַריינקוקענדיג אין הויז, האָט ער געזעהן אַ טיש אויסגעשטעלט מיט אַלעם גוטן, פיש און פלייש, און אַלע אַנדערע געשמאַקע מאכלים.

נישט קענענדיג זיך איינהאַלטן, האָט דער פּריץ אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פונעם איד, און ער האָט איהם געפרעגט וואו ער האָט באַקומען געלט צו קויפן די אַלע געשמאַקע מאכלים. האָט דער איד געענטפערט אַז ער ווייסט אויך נישט ווי אַזוי עס איז אָנגעקומען צו איהם, אָבער "מעשה שהיה כך היה", ער האָט פּלוצלינג געפונען אַ גע'פּגר'טע מאַלפּע ביי זיך אינדערהיים, און ביי איר זייט זענען געלעגן אויסגעגאָסן גאָר אַ סאַך גאָלדענע מטבעות... דערפון האָט ער פאַרשטאַנען - האָט דער איד ווייטער געזאָגט - אַז דער באַשעפער האָט איהם צוגעשיקט אַ גרויסן אוצר, כדי ער זאָל האָבן געלט איינצוקויפן אַלעס אויף יום-טוב, און ס'זאָל איהם נאָך איבערבלייבן גענוג געלט צו לעבן דורכ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר...

ערשט דאַן האָט דער פּריץ באַגריפן, אַז דאָס איז געווען זיין באַליבטע מאַלפּע... ווייזט אויס, אַז די מאַלפּע, וועלכע פלעגט איהם איבעראַל באַגלייטן, איז מיטגעגאַנגען מיט איהם אין צימער וואו עס זענען געלעגן די באַהאַלטענע אוצרות, און האָט "טועם געווען" מיט'ן מויל די מטבעות... וויל זייענדיג אין צימער האט די מאלפע

**וועט** דער מענטש זאָגן, ווי אַזוי קען איך זיך באַנייען, איך ווייס דאָך ליידער אין וואָס פאַראַ נידעריגן מצב איך געפין זיך ברוחניות?

**זאָגט** אויף דעם הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע פון סלאָנים (שבת החודש, ד"ה "ויאמר ה'"), "החודש הזה לכם" איז די ערשטע מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן צו די אידן, ווען זיי זענען נאָך געווען אין מצרים, איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט. זעהען מיר פון דעם, אַז ווען אַ איד וויל זיך דערנענטערן צום אויבערשטען, זאָל ער נישט וואַרטן ביז ער וועט אינגאַנצן אַרויסגיין פון די בלאָטע פון תאוות און טומאה אין וועלכע ער איז ליידער פאַרזינקען, נאָר דעמאָלטס ווען ער איז נאָך אין זיינע "מצָרים" (באַגרעניצונגען), אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל, קען ער שוין אָנהייבן דינען דעם אויבערשטען מיט אַ באַנייאונג און פרישקייט[טז].

---

געזעהן ווי די פריץ ציילט די געלט, און מיינענדיג אַז דער פריץ שלינגט אַראָפּ די מטבעות, האָט די מאַלפּע דאָס נאכגעטוען און אַריינגענומען די מטבעות אין מויל, ביז זי איז דערשטיקט געוואָרן און געפּגר'ט... דעמאָלטס האָט דער פריץ אויך פאַרשטאַנען, אַז ווען זיינע קנעכט האָבן אַריינגעוואָרפן דעם קערפּער פון די געפּגר'טע מאַלפּע אין הויז פונעם איד, האָט זי אויסגעשפּיגן די גאָלדענע מטבעות פון בויך...

אַלזאָ, דער פריץ האָט מודה געווען אַז דער באַשעפער פירט די גאַנצע וועלט: "אחד אלקינו שבשמים ובארץ", און נאָר ער ברוך הוא איז דער וואָס שפּייזט יעדן איינעם, און אַז נאָר מיט'ן באַשעפער'ס הילף, האָט דער איד געהאַט אַלע זיינע באַדערפענישן אויף יום טוב, מיט גרויס הרחבה.

ג) די דריטע מעשה, וואָס דער קאָזשניצער מגיד האָט געהייסן דערציילן שבת פרשת החודש, איז פאָרגעקומען ביי אַ איד וואָס פאַר זיין פרנסה, האָט ער פאַרקויפט בראָנפען.

אַמאָל ווען ער האָט זיך געגרייט דורכצופאָרן די גרעניץ מיט די פעסלעך בראָנפען, האָט ער - ווייסענדיג אַז ער דאַרף צאָלן אַ סאַך געלט אין גרעניץ שטייער פאַר'ן בראָנפען וואָס ער ברענגט אַריין אין לאַנד - באַשלאָסן נישט צו דערציילן פאַר די גרעניץ-וועכטער וואָס ער פירט אַריין אין לאַנד אין די פעסלעך, מיט דער האָפענונג, אַז מ'וועט נישט עפענען די פעסלעך, און ער וועט קענען אַדורכגיין די גרעניץ אָן צו באַצאָלן די נויטיגע שטייערן.

צו זיין גרויסן באַדויערן, אָבער, האָבן די גרעניץ פאָליציאַנטן יאָ געעפענט די פעסלעך, און ביים זעהן אַז ער פירט אַריין בראָנפען אָן עס צו מעלדן, האָבן זיי אַרעסטירט דעם איד און באַשטימט אַ טאָג פאַר זיין משפט.

איז דער איד אַריבערגעפאָרן צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, און אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר'ן רבי'ן ר' אלימלך, וועלכער האָט איהם באַרואיגט, זאָגענדיג:

- דו דאַרפסט גאָרנישט מורא האָבן. זאָג פאַר די פאָליציאַנטן, אַז די פעסער אַנטהאַלטן נישט בראָנפען, נאָר זענען גאָר פול מיט וואַסער...

איז דער איד געגאַנגען מיט זיין גרויסע אמונה צום שופט, און געזאָגט אַז מ'האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף איהם, ער ווייסט נישט וואָס מ'וויל האָבן פון איהם. די פעסער אַנטהאַלטן נישט בראָנפען, נאָר וואַסער...

די פאָליציי האָט געפּאַרשט דעם עניין, מ'האָט פאַרזוכט פון די פעסלעך, און זעהענדיג אַז עס אַנטהאַלט נאָר וואַסער, איז דער איד באַפרייט געוואָרן. שפּעטער איז ער געפאָרן צום רבי'ן ר' אלימלך, און געזאָגט:

- ס'איז ריכטיג, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן נס צו ווערן געראַטעוועט פון אַן עונש, אָבער איך וועל דאָך האָבן אַ גרויסן שאָדן, אויב עס וועט טאַקע פאַרבלייבן וואַסער...

האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט פאַר דעם איד, ער זאָל פאַרזוכן פון די משקה אין די פעסלעך, און ער וועט זעהן אַז באמת איז דאָרט יאָ פאַראַן בראָנפען. דער איד האָט פאַרקויפט די פעסלעך, און פאַרדינט אַ שיינעם סכום, פון וואָס ער האָט געהאַט גענוג צו קענען קויפן אַלע צרכי החג, מיט גרויס הרחבה.

זאָל דער אויבערשטער העלפן אונז און אַלע אידן, מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ גוטע פרנסה, און גרויס הרחבה בכל הענינים, ולא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צום קיום פון די ווערטער פון פסוק (מיכה ז, טו) "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", בב"א.

**טז.** די חז"ל זאָגן (מובא ברש"י בראשית א, כ) אַז יעדע זאַך וואָס איז נישט העכער פון דער ערד, ווערט אָנגערופן "שרץ". זאָגן די ספרים, אַז דאָס איז אַ רמז, אַז אַזוי לאַנג ווי דער מענטש שטאַרקט זיך נישט זיך אויפצוהייבן

**דעריבער** איז די באַנייאונג מרומז אין דער ערשטער מצוה וואָס די אידן האָבן באַקומען, ווייל עס איז דער יסוד פון אַלע עבודות, אַז דער מענטש זאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש, אפי' אויב ער געפינט זיך אין אַ שווערן מצב ח"ו, ווייל ער קען אייביג ווערן ווי אַ נייע באַשעפעניש.

**לויט** דעם, קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די אידן ווערן צוגעגליכנט צו די לבנה (מדרש שוחר טוב, תהלים כב, יב), ווייל די לבנה ווערט דאָך קלענער און דערנאָך ווערט זי צוריק גרעסער יעדן חודש. ווען דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה דעם אויסזעהן פון די לבנה, און איהם געזאָגט "כזה ראה וקדש" - זעה נאָר ווי די לבנה ווערט באַנייט יעדן חודש פון איר פאַרקלענערונג, אַזוי דאַרפן אידן זיך שטענדיג באַנייען, אויך ווען זיי שפירן אַז זיי זענען נישט ראוי דערצו[יז].

**עס** ווערט געברענגט ("בארות המים", פרשת החודש, ד"ה "ראש") אין נאָמען פון הרה"ק רבי ר' הירש זי"ע פון רימנוב, אויפ'ן פסוק (שמות יב, ב) "החודש הזה לכם ראש חדשים", "החודש הזה" - חודש ניסן - איז דער

---

אַפילו אַביסל פון דער ערד, איז ער ווי אַ שרץ ח"ו, ווייל דער עיקר עבודה פונעם מענטש איז זיך אויפצוהייבן אַפילו אַביסל פון דער ערד.

**יז.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "ברכת אברהם" זי"ע, האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַגלייט זיין פעטער, הרה"צ רבי זעליג לידער זצ"ל, אויף זיין רייזע קיין איטאַליע איינצוהאַנדלען אתרוגים. זייענדיג אין האָטעל אין דער שטאָט טריעסט, האָט ער געזעהן אין אַ קליין ספר, אַ וואָרט אויף די ווערטער וואס מיר זאָגן אין נוסח התפילה ביים דאַווענען, "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". פאַרוואָס טוט דער אויבערשטער באַנייען די בריאה יעדן טאָג, און ער האָט נישט באַשאַפן די גאַנצע בריאה מיט איינמאָל? ענטפערט ער דאָרט, אַז דאָס קומט אונז לערנען אַ דרך אין עבודת השם. דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך האָב שוין חלילה נישט קיין האָפענונג, ווייל איך האָב אַזוי פיל געזינדיגט קעגן מיין באַשעפער. אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער צום מענטש: איך באַניי אויך יעדן טאָג מיין בריאה. און נישט נאָר יעדן טאָג, נאָר יעדע רגע פון טאָג, ווערט באַשאַפן אַ נייע מציאות. אויב אַזוי, קענסטו זיך אויך איבערדרייען צו אַ נייע ווירקליכקייט.

הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן משל. אַ שטאָט האָט זיך געפונען אין טאָל, ממש ביים אונטערשטען טייל פון אַ הויכן באַרג. ווען מ'האָט דאָרט געוואָלט עפענען אַ געשעפט, צו קענען צושטעלן פאַר די איינוואוינער אַלעס וואָס זיי דאַרפן האָבן צום טאָג-טעגליכן לעבן, האָט מען געזוכט אַ גרויס באַקוועם אָרט, אָבער מ'האָט געפונען אַזאַ פלאַץ, נאָר אויפ'ן שפיץ באַרג... אָן אַ ברירה, האָט מען דאָרט אויפגעשטעלט דאָס געשעפט, און פון דאַן און ווייטער, האָבן די שטאָט-לייט געדאַרפט זיך אַרויפשלעפן צום שפיץ באַרג, איינצוקויפן זייערע געברויכן. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ שטיק צייט, ביז אַ געוויסער "בעל חסד" האָט געקויפט פון זיין געלט אַ גרויסן אויטאָ ("טענדער"), און האָט אויסגערופן מיט אַ הויכהילכער, אַז דריי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי, מיטאָג און אין ביינאַכט, וועט ער אַרומפאָרן אין שטאָט, איינזאַמלען די מענטשן און אַרויפפאָרן צום געשעפט. יעדער איינער וואָס איז פאַראינטערעסירט, קען זיך אָנשליסן אין דער רייזע אומזיסט. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די איינוואוינער פון שטאָט האָבן זיך זייער שטאַרק געפרייט מיט'ן נייעם "טענדער", וועלכער איז טאַקע געווען איבערגעפילט דריי מאָל אַ טאָג, פאָרנדיג און קומענדיג פונעם געשעפט.

מיט דער צייט, אָבער, האָט דער "עיר קאָנדישאָנער" אינעם "טענדער" זיך צובראָכן, אַזוי אַז אין די הייסע זומער-טעג, האָבן די פּאַסאַזשירן זייער געשוויצט. אויך זענען די בענקלעך געוואָרן צעריסן, און דאָס ערגסטע איז נאָך געווען, וואָס דער מאָטאָר איז מיט דער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און האָט זיך קוים דערשלעפּט אויפ'ן באַרג, און אָפט מאָל האָבן די מיטפאָרער געמוזט אַרויסגיין און העלפן שטופּן דעם אויטאָ...

אַ צייט שפּעטער, איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון די זיבן ראשי הקהל, וואָס מ'פלעגט רופן "טובי העיר". ביי די אסיפה, איז אַרויפגעקומען אויפ'ן "טיש" אויך דער פּראָבלעם פונעם אויטאָ, און אַלע האָבן מסכים געווען אַז ס'איז שוין צייט צו קויפן אַ נייעם אויטאָ פאַר דעם צדיק וואָס האָט בייגעשטייערט דעם "טענדער", אַלס אַ צייכן פון הכרת הטוב פאַר אַלע זיינע געבענטשט אַקטיוויטעטן אין לויף פון יאָרן לטובת די שטאָט-לייט. ער האָט אָבער נישט איינגעשטימט צו זיך שיידן פון זיין "טענדער", זאָגנדיג, אַז עס איז אַ "חפצא" פון גמילות חסדים... עס האָט

"ראש", דער שפיץ פון יעדע באַנייאונג וואָס איז אָנגעגרייט צו קומען אויף דער וועלט, און דער מענטש איז דעמאָלטס זוכה צו די נויטיגע כוחות הנפש אַז ער זאָל זיך שטענדיג קענען שטאַרקן און אָנהייבן פונדאַסניי זיין עבודה, און זיך נישט לאָזן איבערערדן פונעם יצר הרע וואָס וויל איהם איינרעדן ער זאָל מיינען אַז ער האָט שוין חלילה מער נישט אַ תקנה.

אַזוי זאָגט אויך הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (ליקוטי הרי"מ, פרשת החודש), אַז דער ענין פון "חודש"

---

נישט געהאָלפן אַלע הפצרות וואָס מ'האָט זיך פרובירט איינבעטן ביי איהם, ער זאָל מסכים זיין צו טוישן דעם טענדער.

ענדליך, איז איין קלוגער מאַן אויפגעקומען מיט אַ געניאַלן פאָרשלאַג: מ'זאָל טוישן דעם אַלטן מאָטאָר אויף אַ נייעם, און מ'זאָל פאַרנייען און איבערבעטן די צעריסענע געזעסן און אויפפרישן דעם אויטאָ פון אינעווייניג, נאָר אינדרויסן זאָל דער "טענדער" בלייבן מיט'ן זעלבן אויסזעהן ווי פריער, און דער בעל הבית וועט אַפילו נישט דערקענען די ענדערונגען... אַלזאָ, מ'האָט אַזוי געטוהן. מ'האָט "געבאָרגט" דעם שליסל פונעם בעל הבית פונעם "טענדער" (אָנגעבנדיג עפּעס אַן אויסרייד), און אין די נאַכט-שטונדן זענען עטליכע עסקנים אַריין אין אויטאָ, און האָבן אַלעס איבערגעמאַכט, אָבער כלפי חוץ, אויסערליך, האָט אַלעס אויסגעזעהן ווי פריער, אָן דעם מינדעסטן צייכן פאַר אַ "באַנייאונג"...

דער קומענדיגן פרימאָרגן, ווען דער דרייווער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, און געזעהן אַז דער "טענדער" איז איבערגעפילט מיט פּאַסאַזשירן, האָט ער זיי געבעטן אַרויסצוגיין פון אויטא, און העלפן שטופּן דעם "וואָגן"... האָבן די פּאַסאַזשירן איהם געזאָגט אַז עס איז נישט נויטיג, ער זאָל נאָר אָנצינדן דעם מאָטאָר, און דער אויטאָ וועט שוין פאָרן... האָט דער דרייווער זיי אויסגעלאַכט, זאָגנדיג, איך קען גוט מיין "בהמה", און זי וועט נישט קענען פאָרן מיט אַזוי פיל מענטשן אינעווייניג. זיי האָבן איהם אָבער ווייטער געזאָגט, "וואָס שאַדט עס דיר צו פרובירן פאָרן...", און בלית ברירה, האָט ער זיי געפאָלגט, און אָנגעצונדן דעם מאָטאָר. און וואונדער איבער וואונדער: דער אויטאָ איז געפאָרן, גלייך ווי ער וואָלט יעצט אַרויסגעקומען פון די פאַבריק... עטליכע מינוט שפּעטער, האָבן די מיטפאָרער געבעטן דעם דרייווער, ער זאָל אָנצינדן דעם "עיר קאָנדישאָן", אָבער ער האָט געענטפערט, אַז דער "עיר קאָנדישאָן" איז שוין לאַנג פון די וואָס "שבק לן חיים"... האָבן זיי איהם געזאָגט: "וואָס אַרט עס דיר, צו פרובירן?...". האָט ער געדרוקט דאָס קנעפּל, און אַ קאַלט לופטל האָט אָנגעהויבן בלאָזן... ממש "מעשה ניסים"... ענדליך, ענדליך, האָבן זיי איהם מסביר געווען וואָס זיי האָבן געטוהן מיט זיין "אויטאָ" אינמיטן נאַכט...

זאָגט הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל, דער נמשל איז, דער אויבערשטער באַנייט יעדן טאָג די גאַנצע בריאה, און ער פילט אונז אָן מיט נייע כוחות, נאָר כלפי חוץ זעהט עס אויס ווי אַן "אַלט פלעשל"... אָבער אָנשטאָט צו פרובירן אָנצוצינדן דאָס האַרץ, זאָגן מיר, "נעכטן איז דאָך דאָס האַרץ געווען טרוקן... שוין אַ לאַנגע צייט וואָס מיר "קענען זיך נישט שטאַרקן"... דער אמת איז אָבער, אַז מ'דאַרף נאָר "פרובירן", און דאַן קען מען זעהן ווי ווייט אַלע כוחות זענען פריש...

דאָס איז ספּעציעל אַקטועל יעצט, ווען מיר האַלטן שוין נאָך די געהויבענע טעג פון פורים, ווי עס שטייט אין ספה"ק "קדושת לוי", אַז אַלע נאַטורן פון דער וועלט טוישן זיך ווען מ'לייענט די מגילה, אָבער לײַדער, צומאָרגנס נאָך פורים, זענען מיר שוין אין אַ מצב פון יאוש רח"ל, און מיר וואַרטן אַז מ'זאָל אונז "העלפן שטופּן", אַזוי ווי יענעם אַלטן טענדער. מיר דאַרפן זעהן זיך צו "געבן אַ ריר" און זיך באַנייען, צו פרובירן וועלן מיר זעהן אַז אַלעס ווערט דערהויבן העכער און העכער, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך אונז אָנגעפילט מיט זיינע אוצרות, און אויב דער גוף איז געבליבן אַזוי ווי פריער, איז אָבער בפנימיות, אַלעס "ניי" און פריש...

הגה"ח רבי זלמן בריזעל זצ"ל, האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל (ברכות ד:) אַז דער מענטש וואָס זאָגט "תהלה לדוד" ("אשרי יושבי ביתך"), דריי מאָל אַ טאָג, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט האָבן עולם הבא. האָט רבי זלמן געזאָגט בדרך צחות, מיר ענדיגן דעם קאַפּיטל מיט'ן פסוק (תהלים קטו, יח) "ואנחנו נברך י-ה מעתה ועד עולם הללוי-ה", און דער מענטש וואָס זאָגט דריי מאָל אַ טאָג "מעתה" - "פון יעצט און ווייטער בין איך אַ נייער זלמן"... (אַוודאי האָט ער געמיינט אונז אַלעמען, נאָר ער האָט געזאָגט "אַ נייער זלמן", ווייל דאָס איז געווען זיין אייגענער נאָמען...) איז ער פאַרזיכערט מיט עולם הבא.

איז דאָס וואָס מ'גיט אַ כח פאַר יעדן איד, ווען עס קומט ראש חודש, ער זאָל זיך מעורר זיין פונדאַסניי צו עבודת ה'. און כאָטש עס פאַסירט אַזוי יעדן חודש, האָט אָבער ראש חודש ניסן אַ גרעסערע מעלה, ווייל די הארה פונעם חודש גיט אַ כח פאַר התעוררות אַלע חדשים פון יאָר. דאָס איז דער ענין פון "החודש הזה לכם", עס איז דער "ראשון" וואָס איז כולל אַלע כוחות פונעם מענטש.

**פירט** אוים דער חידושי הרי"ם, אַז דער דאָזיגער כח אַז אַ איד זאָל קענען נתעורר ווערן מיט זיין גאַנצן "ראשית" (דאָס הייסט, מיט אַלע זיינע כוחות) דערגרייכט מען מיט'ן כח פון יציאת מצרים.

**אויך** אַן אַנדער אָרט ("ליקוטי הרי"מ", פ' בא), זאָגט דער "חידושי הרי"ם", אַז דער מדרש (שמ"ר פט"ו, ב) זאָגט אויף דעם פסוק "החודש הזה לכם", "שהכל מסור בידינו". אַלעס איז דעמאָלטס איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אידישע קינדער. "ואם היה אדם יודע מזה" - און אויב דער מענטש וואָלט געוואוסט פון דעם, "מה שהוא, ומה שיש בידו לעשות", וואָס פאַר אַ כח ער האָט צו טוהן (אין די טעג פון חודש ניסן), "בוודאי לא היה מבטל אף רגע אחד" - וואָלט ער זיכער נישט געגאַנגען ליידיג אַפילו איין מינוט, עכל"ק.

**מ'קען** זאָגן, אַז ווען דעם לייענט מען היינטיגן שבת "החודש הזה לכם", כדי מעורר צו זיין אידישע קינדער אַז אין די טעג איז ראש חודש ניסן, און נאָך דעם דער גאַנצער חודש ניסן, און מ'זאָל זיך מתבונן זיין אויסצונוצן די טעג ווי געהעריג, און דאַן וועט מען קענען באַקומען די שפע וואָס ווערט נשפע אין די דאָזיגע געהויבענע טעג.

**דער** של"ה הקדוש (מסכת פסחים, פרק נר מצוה, אות ז') זאָגט אויפ'ן פסוק "החודש הזה לכם ראש חדשים", אַז אין חודש ניסן, האָבן אַלע טעג פונעם חודש, די זעלבע קדושה ווי עס האָט ראש חודש[יח].

**בכלל**, ווענן חודש ניסן, שרייבט דער "אבני נזר" זי"ע אין אַ תשובה (חלק או"ח), צו איינע פון זיינע שואלים בדבר הלכה, "כי ימים אלו יקרי הערך, שעה ליום יחשב". די איצטיגע טעג (פון חודש ניסן) זענען גאָר טייער און ווערדפול. אַ שעה ווערט גערעכנט ווי אַ גאַנצער טאָג. אויך ווערט געברענגט (ספר "אביר הרועים", אות רסד), אַז זיין זון, הרה"ק בעל "שם משמואל" זי"ע, האָט געזאָגט עדות, אַז אין די טעג פון חודש ניסן, האָט זיין פאָטער, דער בעל "אבני נזר", "זיך אַרומגעדרייט אין די עולמות העליונים".

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו באַנייען זיך פאַר איהם מיט'ן גאַנצן הארץ און רצון, מתוך שמחה רבה וטוב לבב, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב ממש צו די פאַרווירקליכונג פון די ווערטער פון די חז"ל, "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל", מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

**יח.** ראש חודש ניסן תשמ"ז לפ"ק, ביי אַ חתונה אין בני ברק, האָב איך געפרעגט איינע פון די אָנוועזנדע, ווער עס האָט באַשטימט די חתונה אויף ראש חודש ניסן, ווען יעדער איז פאַרנומען מיט די הכנות צום קומענדיגן יום טוב פסח הבעל"ט (אין יענע צייטן, איז אַ חתונה ראש חודש ניסן, נישט געווען אַ 'געוועגליכע' ערשיינונג). האָט יענער, אַ קרוב פון איינע פון די צדדים, מיר געענטפערט, אַז אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע איז דער וואָס האָט באַשטימט דעם דאַטום פאַר די חתונה (געווען איז דאָס עטליכע חדשים נאָך זיין הסתלקות לחיי עולם הבא, כ"ד טבת פון יענעם יאָר). פאַסירט האָט עס דעם פריערדיגן יום טוב חנוכה, ווען די מחותנים האָבן געפרעגט ביי מיין זיידן הרה"ק רמ"מ זי"ע ווען צו באַשטימען דעם זמן החתונה, האָט ער געענטפערט, "ראש חודש ניסן איז דער שענסטער טאָג פון יאָר...", און די חז"ל זאָגן שוין (שבת פז:) "אותו יום נטל עשר עטרות" - דער טאָג פון ראש חודש ניסן האָט גענומען צען קרוינען.